# ציגײַנערן
## ברכה קאָפּשטײן

 ער איז געווען אַ הויכער דאַרער בחורל אפֿשר אַ יאָר 14-15, כאָטש אויסגעזען האָט ער מער, אַ דאַנק זײַן האַלטן זיך גרויס.
״ייחוס״ איז געווען וואָס ער איז אַ ״פּריקאַשטשיק״ – אַן אָנגעשטעלטער – אין שעכטערס מאַגאַזין.
דאָס איז געווען דער גרעסטער און שענסטער מאַגאַזין אין קעשיניעוו, אַ קראָם פֿון כּלערליי שרײַבשטאָפֿן, מכשירים פֿון די בעסטע, שענסטע מינים. די עלעגאַנץ פֿון דער גרויסער ברייטער קראָם אינוויייניק איז ניט צו פֿאַרגעסן. געפֿונען האָט זי זיך אויף דער לאַנגער פּושקינסקי גאַס, אין דער רײַע מיט אַנדערע עלעגאַנטע קראָמען,וואָס אַ צאָל פֿון זיי האָבן אָנגעהערט צום באַקאַנטן דאָס שוואַרצמאַן,״שוואַרצמאַן-הויז״, און זיי האָבן פֿאַרנומען אַ האַלבן קוואַרטאַל אויף דער פּושקינסקי גאַס, אָנהויבנדיק זיך פֿון דער הויפּטגאַס אין קעשיניעוו, די אַלעקסאַנדראָווסקאַ ביז דעם פֿאָנטאַנע פּערעולאָק וואָס איז אויך באַקאַנט געווען פֿאַר אַן אַריסטאָקראַטישער קורץ ברייטער גאַס.

דער אַרײַנגאַנג אינעם גרויסן הויף פֿון דער רײַכער שוואַרצמאַן-משפּחה איז געווען אויף פֿאָנטאַנע פּערעולאָק. דאָרטן האָבן געוווינט עטלעכע שכנים. מ׳האָט זיי באַטראַכט פֿאַר מזלדיקע, ווײַל זיי ווינען אינעם דאָס שוואַרצמאַן, כאָטש ניט אַלע זײַנען – אפֿשר צופֿעליק – געווען ניט רײַך. איינע פֿון זיי איז געווען מײַן מומע מאַרעם, מײַן מאַמעס שוועסטער, אַ שיינע, אַריסטאָקראַטישע יונגע פֿרוי, אַן עגונה מיט צוויי קליינע קינדער. זי איז געווען באַקאַנט אַלס ״מאַדאַם לערנער״ מיט איר עלעגאַנטן שליאַפּעשנע מאַגאַזין, אַ דאַמענהוט-געשעפֿט. איר גרויסער פֿענסטער מיט די שיינע הוטן איז געווען בײַם ראָג פּושקינסקי-פֿאָנטאַנע און ער האָט ווי אויפֿגעפּנט אַ טיר, ניט נאָר צו איר קראָם, נאָר צום גאַנצן סאָלידן ווינקלגאַס וואָס איז געווען ווי אַ מין אָפּרו צום געמיט, נאָכדעם ווי מ׳איז דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן פּושקינסקי קוואַרטאַל.
פּונקט אַנטקעגן איבער מײַן מומעס קראָם און היים האָט זיך געפֿונען די היים פֿון דאָקטאָר קאַגאַן בערנשטיין. כאָטש איך בין נאָך געווען צו יונג צו פֿאַרשטיין וואָס עס מיינט אַזאַ נאָמען וועלכן כ׳האָב געהערט אַזוי אָפֿט דערמאָנען, האָב איך אָבער עפּעס יאָ געוווּסט, דהײַנו אַז ער איז ניט נאָר אַ דאָקטאָר, נאָר אויך אַ גרויסער ציוניסט און אַז אַ סך ״געזונטע מענטשן״ קומען צו אים. איינמאָל האָט מיך דער גרויסער נײַגער פֿאַרגנבֿעטערהייט אַרײַנגעבראַכט צו אים אינווייניק, כ׳האָב זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דעם דאָקטאָר וועמענס נאָמען מ׳האָט אַרויסגערעדט מיט אַזוי פֿיל יראת הכּבֿוד. כ׳האָב דערזען אַ שיינעם קאָפּ מיט אַ גרדיכטער, ניט לאַנגער באָרד, ער איז געזעסן בײַ אַ מאַסיוון שרײַבטיש לעבן אַ פֿענסטער מיט ווײַסע פֿאָרהאַנגען אין אַ גרויסן פֿירעקערדיקן צימער מיט אַזאַ מאָדנע מעבל – געבעט מיט לעדער – אין ברוינעם קאָליר (וואָס כ׳האָב פֿריִער קיינמאָל ניט געזען) און אַזוי פֿיל ביכער אין די ווענט, און פֿענסטער, פֿענסטער. ער האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און ער האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן אין רוסיש: ״מיידעלע, וועמען זוכסטו?״  איך האָב עפּעס אָנגערופֿן אַ נאָמען, מײַן האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט פֿון שרעק און פֿרייד, אַז כ׳בין קוים אַ לעבעדיקע אַראָפּגעלאָפֿן צוריק די עטלעכע טרעפּ פֿונעם קליינעם גאַנעק. כ׳האָב קיינמאָל קיינעם ניט דערציילט פֿון מײַן געוואַגטן שריט.
מײַן מומעס שטוב איז באַשטאַנען פֿון איין קליינעם שלאָפֿצימער בײַם סוף פֿונעם קאָרידאָר פֿונעם גרויסן צימער וואָס איז געווען די הויפּטקראָם – געווען איז דער קאָרידאָר אַ שמאַלער און אַ פֿינסטערער, ער האָט ארויסגעפֿירט אין הויף אָבער ניט גלײַך אין הויף אַרײַן, נאָר צו אַ לאַנגער הילצערנער אָפֿענער וואַראַנדע, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג אויס די עטלעכע קראָמען פֿון דער פּושקינסקי גאַס וועלכע האָבן אָנגעהערט צו דער רײַכער משפּחה שוואַרצמאַן, און אַלע קראָמען האָבן געהאַט צו דער וואַראַנדע זייערע הינטערשטע אַרויסגאַנג-טירן. אויף דער הילצערנער וואַראַנדע האָט מײַן שיינע מומע מאַרעם מיט אירע צוויי יונגע שולקינדער סך הכּל געלעבט מער ווי אינווייניק, אין שטוב. אין אַ ווינקעלע רעכטס אונטער דעם קליינעם שלאָפֿצימער וואָס האָט געהאַט אַ שמאָל פֿענסטערל, איז געשטאַנען אַ קליין נעפֿט-הייוועלע ווו זי

האָט געקאָכט. לינקס פֿון דער אַרויסגאַנג-טיר לעבן דער וואַנט פֿון שעכטערס מאַגאַזין איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש און אויף אים דער ווערקשטאַט. האַלב-פֿאַרטיקע הוטן, לענטעס, בלומען, נאָדלען, שפּילקעס, דראָטן פֿאָדעם. דאָרטן איז שטענדיק געזעסן די "הויפּט-מאַסטעירצע", די אמתע קינסטלערן פֿון הוטן, ליזאַ, אַ בלאָנדע יונגע מיידל מיט אַ ליכטיק שמייכלדיק פּנים און מיט אַ שטענדיקן גלאַנץ אין די בלויע אויגן.

ווען איך האָב געזען ווי אַזוי ליזאַ נעמט אַריַין אין אירע הענט אַ רויען מאַטעריאַל, אַ פֿאָרעם פֿון אַ נאַקעטער הוט, און ווי אַזוי מיט אירע שפּילעוודיקע צען פֿינגער זי פֿאָרעמט אויס אַ היטעלע וואָס זי האַלט אין איַין אָנמעסטן אויף זיך אַליין און עס לעבט שוין – דאָס האָט מיך געכּישופֿט. איך בין געווען סתּם אַ העלפֿערן, ס'האָט געהייסן אַז אין די זומער-חדשים אין קאַניקול פֿון שולע דאַרף איך זיך אויסלערנען די מלאָכה פֿון דאַמען-הוטן. איך האָב זייער ליב געהאַט די אַרבעט, מ'האָט מיר ניט געגעבן קיין אמתע אַרבעט וויַיל מ'האָט געדאַרפֿט קאָנען, געדענק איך, ניט "וואָס" און "וויפֿיל" כ'האָב געקאָנט שוין טאָן מיט אַ שליאַפּע, כ'געדענק נאָר איך פֿלעג ליב האָבן אַרויסקומען אויף דעם אָפּגעמס גאַנעק און ליזאַ האָט געוווּסט אַז איך בין מרימס – איר באַלעבאָסטעס – פּלימעניצע. האָט זי מיר אַרויסגעוויזן אַ סך צוטרוי און זי האָט מיך געבעטן איר "צוהעלפֿן" – אויף דעם גאַנעק פֿלעגן אַרויסקומען אַרבעטער פֿון די קראָמען, יונגע פֿרויען און מענער אַ ביסל זיך אָפּרוען, כאַפּן לופֿט אינעם גרויסן הויף, עפּעס איבערכאַפּן צום עסן.

איינער פֿון זיי איז געווען דער יונגער פּריקאַשטשיק פֿון שעכטערס מאַגאַזין, דער דאַרער בחור מיט די לאַנגע שוואַרצע שלייקעס איבערן וויַיסן העמד מיט לאַנגע אַרבל. ווי נאָר ער פֿלעגט מיך זען האָט ער מיר באַלד צוגעוואָרפֿן דעם צונאָמען "ציגייַנערן", דאָס פֿלעגט מיך זייער פֿאַרדריסן. כ'האָב געפֿילט כ'ווער רויט, כ'בין געווען זיכער ער באַליידיקט מיך, און כ'פֿלעג זיך כּעסן אויף אים אין האַרצן. און געשעמט זיך וויַיזן פֿאַר אים – ער האָט מיך אָבער אויפֿגעזוכט און תּמיד האָב איך נאָר געהערט דאָס איינציקע וואָרט פֿון אים. פֿאַר כּעס און פֿאַר בזיון האָב איך קיינמאָל אים אַפֿילו קיין איינציק וואָרט ניט צוריקגעענטפֿערט, כ'האָב פּשוט ניט געקוקט אויף אים, מיך האָט זיך געדאַכט ער האָט אויף צו להכעיס מיר געוואָלט ווי טאָן וויַיל קיין איינציק מאָל בשעת זיַין באַוויַיזן זיך אויף דער וואַראַנדע האָט ער ניט פֿאַרגעסן מיך באַגריסן מיטן נאָמען ציגייַנערן. איך האָב געוווּסט אַז כ'בין אַ שוואַרצע, אָבער כ'האָב זיך דערמיט ניט געשעמט – נאָר ווען ער פֿלעגט מיר אַ זאָג טאָן ציגייַנערן האָב איך געפֿילט מיַין פּנים פֿלאַמט מיר פֿון בושה – כ'בין געווען אַ יונגע מיידעלע אָן מינצסטער אַנטוויקלונג פֿון פֿרויען-חושים – האָב איך אַזאַ צונאָמען אָנגענומען נאָר ווי אַ שטאָכוואָרט און מיַין פֿאַרדרוס אויף אים איז געווען שטאַרק, ער אַליין האָט בכלל ניט עקזיסטירט אין מיַין קינדערשן דמיון. מיַין היים איז דעמאָלט געווען ביַים זיידן, איך בין געווען איינע פֿון די דריַי יתומים פֿון זיַין טאָכטער, וועלכע זיַינען אָנגעקומען נאָך דער וועלט-מלחמה קיין קעשיניעוו צום זיידן נאָכן טויט פֿון טאַטע-מאַמע אויפֿן וועג. ער האָט שפּעטער אונדז צעטיילט צווישן דער משפּחה. ביַי אים האָט ער געלאָזן מיַין קליין ברידערל משהלע ווען ער האָט געשיקט לערנען אין דער ישיבֿה (באַבושקינס-ישיבֿה). דער זיידע מענדל שוחט האָט געוווינט וויַיט פֿון שטאָט אויף דער קופּריאַנאָווסקאַיאַ גאַס.

כּדי אָנצוקומען אין מיַין שולע, אין דער נייַער פּראָפֿעסיאָנעלנע שולע, האָב איך געדאַרפֿט יעדן מאָרגן גאַנץ פֿרי דורכגיין אַ האַלבע שטאָט, די גאַנצע פּאַוולאָוואַ גאַס ביזן סוף, די אַריאַמסקע גאַס. אויף צו פֿאָרן מיטן טראַמוויי האָב איך קיינמאָל קיין געלט ניט געהאַט.

מיַין זיידע האָט געהאַט אַ גרויסע דירה אויפֿן צווייטן שטאָק מיט אַן אייגענער וואַראַנדע – וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף – פֿול מיט שכנים, אָבער קינדער אין מיַין עלטער ווייניק, חוץ איין ליבהאַרציקע חבֿרטע – עלקע – וועגן וועמען כ'האָב מיט יאָרן שפּעטער געשריבן אַ לענגער ליד, טאַקע מיטן נאָמען "עלקע", וואָס איז אַריַין אין מיַין ערשטן ביכעלע לידער, *שטאַרק בין איך*, ניו-יאָרק 1939.

זי איז געווען דעם שוסטערס מיידל, שענער פֿון אַ רייזעלע דעם שוחטס. זיי האָבן געוווינט אין דער באַשקע, אין אַ קעלערשטוב אונטער אונדזער דירה, זי האָט געמוזט אין אירע שוליאָרן ווערן אַ מאָדיסטקע (פֿריִער אַן אַרויסהעלפֿערן) כּדי צו העלפֿן מפֿרנס זיַין די משפּחה מיט עטלעכע קליינע קינדער. איר טאַטע איז געווען אַ קראַנקער און צופֿיל ליב געהאַט דעם גלעזל. איך האָב אין הויף חוץ עלקען ניט געהאַט אַפֿילו מיט וועמען צו ריידן שוין אָפּגערעדט מיט וועמען זיך צו שפּילן אָדער

פֿאַרברענגען, פֿלעג איך נאָר אַמאָל אויף דער נאַכט זיך טרעפֿן מיט עלקען בײַם הויפּטויער ווען זי פֿלעגט אהיים קומען אַ מידע נאָך איר טאָגאַרבעט. אַנטקעגן איבער אונדזער הויף איז געווען אַ גרויסער הויף פֿול מיט קינדער, תּמיד האָבן זיך געהערט פֿון דאָרטן קולות – פֿריילעכער געלעכטער. אין איינעם אַן אויפֿדערנאַכט האָט מיך די בענקשאַפֿט אַרײַנגערופֿן אינווייניק, כ'האָב דערזען אַ קרײַז קינדער. ווי צענויפֿגעוואַקסענע זײַנען זיי געזעסן אויף דער געפֿלאַסטערטער פֿאָדלאָגע אינמיטן דעם הויף, מ'האָט געלאַכט, געטומלט, איך האָב זיך צוגעזעצט אַ ביסל שעמעוודיק, אַ ביסל מיט מורא טאָמער וועט מען מיך, אַ פֿרעמדע, ניט לאָזן זיצן דאָ. ס'איז שוין געווען גוט פֿינסטער, דער רעש און געטומל איז לאַנג אָנגעגאַנגען, איך האָב זיך שטילערהייט אַרײַנגעלעבט אינעם פֿריילעכן קרײַז. מיט אַמאָל האָבן זיך אַלע אַ הויב געטאָן, און שטייענדיק אין אַ קרײַז האָט מען אָנגעהויבן דערציילן מעשׂהלעך, וויצן, פֿריִער שטיל, דערנאָך העכער, און מ'לאַכט און מ'לאַכט – איך האָב אויך געלאַכט, אָבער ניט אַזוי הויך, ביז ס'איז געשען און עמעצער האָט, ווײַזט אויס, דערציילט אַזאַ שטאַרק קאָמישן וויץ אַז אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ שטאַרקן געלעכטער און איך מיט זיי, און מיט אַמאָל האָט מיך געטראָפֿן אַזאַ אומגליק, אין מיטן לאַכן האָב איך דערפֿילט ווי עס גיסט זיך פֿון מיר וואַסער, כ'האָב ניט געקאָנט פֿאַרהאַלטן דעם שטראָם וואַסער פֿון פּוכיר. די שטיינערנע פּאָדלאָגע איז נאַס געוואָרן אַרום מיר. די חבֿרה האָבן דערזען אַזאַ זאַך, האָבן זיי ערשט אויסגעשאָסן אין ווילדן געלעכטער און אָנגעהויבן זיך צעלויפֿן, מיך איבערגעלאָזט שטיין אינעם נאַסן ליידיקן שטיינערנעם הויף. איך האָב געפֿלאַמט פֿון בושה. אַ נס ס'איז געווען פֿינסטער און מ'האָט מײַן ברענענדיק פּנים ניט געזען – פּלוצלינג דערהער איך "פּישערן, פּישערן", און די שטים איז מיר קענטלעך. איך דערזע ווי אַ מין סילועט פֿון דעם לאַנגן דאַרן בחורל, דעם פּריקאַשטשיק. יאָ, דאָס איז ער! ווי אַזוי איז ער דאָ אויסגעוואַקסן, כ'האָב אים דאָ פֿריִער אַפֿילו ניט באַמערקט. און ניט געוווּסט אַפֿילו צי וווינט ער דאָ ערגעץ נאָענט. גרעסער פֿון דער בושה איז געווען מײַן ווייטיק, וואָס ער האָט דאָס צוגעזען און ניט קיינער פֿון די קינדער האָט אויסגעשריִען צוויי מאָל מיט אַזאַ נקמה-געפֿיל, מיט אַזאַ פֿרייד "פּישערן". כ'געדענק שוין ניט ווי אַזוי איך בין יענע נאַכט אַהיים געקומען אָדער ווי אַזוי כ'בין געגאַנגען שלאָפֿן. כ'ווייס נאָר די שרעק פֿאַר דעם בזיון וואָס ס'שטייט מיר פֿאַר מאָרגן אין דער פֿרי בײַ דער אַרבעט, ווען ער וועט אַרויסקומען אין קאָרידאָר און מיך זען. אָט דער שווידער-געפֿיל האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט אַ גאַנצע נאַכט, דאָס קישן האָט געברענט אונטערן קאָפּ, די אויגן זײַנען געווען פֿאַרמאַכט, אָבער איך בין ניט אײַנגעשלאָפֿן אויף אַ מינוט, כ'האָב אַזוי געבעטן גאָט עפּעס זאָל געשען, איך זאָל ניט דאַרפֿן אויפֿשטיין אין דער פֿרי...

דער נס איז ניט געשען און ס'איז אַזוי געווען ווי מײַן שרעק האָט מיר פֿאָרויסגעזאָגט, דער לאַנגער דאַרער פּריקאַשטשיק איז אויף מאָרגן "אויסגעוואַקסן" אין קאָרידאָר נאָך פֿריִער ווי תּמיד. ער האָט מיך געזוכט מיט אַזאַ נײַגעריקן בליק און האָט ער מיך געפֿונען, האָט ער זיך ניט געשעמט, ניט פֿאַר ליזאַן און ניט פֿאַר די אַנדערע בײַם טיש און גלײַך אויסגערופֿן אויף אַ קול "פּישערן" צוויי מאָל – דאָס צווייטע מאָל אַ ביסל שטילער. איך האָב מײַן קאָפּ פֿאַרגראָבן אינעם טיש מיט שליאַפּעס. כ'האָב געוואָלט די ערד זאָל זיך אויפֿעפֿענען און מיך אײַנשלינגען. אַזוי טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד האָט ער ניט פֿאַרגעסן, אַנשטאָט ציגײַנערן האָב איך שוין בײַ אים געהייסן פּישערן. האָב ניט געוווּסט פֿאַרוואָס ער צאַפּט מיר אַזוי מײַן בלוט, ס'האָט גענומען אַ לאַנגע צײַט ביז כ'בין אַ ביסל אַרויסגעוואַקסן פֿון מײַן נאַיִוויטעט און פֿאַרשטאַנען אַז ער האָט געהאַט אַ סיבה. זײַן נקמה אין מיר איז געווען גרויס, מײַן שטאַרקער ביזיון גרעסער. אַ סימן ער איז פֿאַרבליבן אין זכּרון אַ גאַנצן לעבן.

■